**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/31/2024 **גאווערנער KATHY HOCHUL**

**גאווערנער HOCHUL (האקול) פייערט ניו יארק'ס שטערקער ווי סיי ווען קאנאביס אינדוסטריע איבערשטייגנדיג 1 ביליאן דאלער אין ריטעיל פארקויפונגען**

***ניו יארק סטעיט קאנאביס אינדוסטריע גרייכט מער ווי 1 ביליאן דאלער אין ריטעיל פארקויפונגען, אפשפיגלנדיג שטארקע וואוקס און קאנסומער קאנפידענץ***

***איינקונפט פארמערט מיט איבער 50 פראצענט פון ניו יארק'ס קאנאביס לייסענסעס געשאנקען צו סאושעל און עקענאמישע מעסיגע אפליקאנטן, פארשטערקערנדיג מינאריטעטן און פרויען-אייגנטומער ביזנעסער***

***איבער 275 לייסענסד געשעפטן און 500 סופליי-סייד לייסענסעס ביישטייערן צו היסטארישע דערגרייכונג אין קאנאביס מעסיגקייט***

***פראדוקט פארשידנארטיגקייט אין אינאוואציע ווערט פארשנעלערט אזוויי 500 ברענדס סערווירן יעצט די מארקעט***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן שטאלצערהייט אז ניו יארק סטעיט'ס קאנאביס אינדוסטריע האט געגרייכט א היסטארישע דערגרייכונג פון מער ווי 1 ביליאן דאלער אין ריטעיל פארקויפונגען. די דערגרייכונג שפיגלט אפ די איבערגעגעבנקייט פון ביזנעסלייט, קאנסומער און קאמיוניטיס וואס האבן אנגענומען די לעגאלע מארקעט און געהאלפן צו אוועקשטעלן ניו יארק אלס א נאציאנאלע פירער אין קאנאביס מעסיגקייט און אינאוואציע.

"פריער אינעם יאר, האט מיין אדמיניסטראציע גענומען קריטישע שריט צו מוטיגן פארשריט און עקענאמישע געלעגנהייט אינערהאלב ניו יארק'ס שפראצנדע קאנאביס אינדוסטריע, ארייננגערעכנט אונטערשרייבן נייע אינפארסירונג קראפטן אינעם געזעץ וועלכע האט פארשנעלערט דאס אפשליסן פון געשעפטן או קיין לייסענס און, אלס רעזולטאט, פארשטערקערט אונזער לעגאלע מארקעט," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "היינט, אנערקענען מיר די 1 ביליאן דאלער דערגרייכונג אלס מער ווי בלויז א נומער-עס איז א באווייז צו די שווערע ארבעט פון די וואס האבן געהאלפן בויען די שטערקסטע קאנאביס אינדוסטריע אין די לאנד: אזא וואס פריאריטיזירט מעסיגקייט, פארזיכערט פובליק זיכערהייט און פארשטערקערט קאמיוניטיס."

**אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט אקטיווע עקזעקיוטיוו דירעקטאר Felicia A.B. Reid (פעלישע א.ב. ראיד) האט געזאגט,** "די דערגרייכונג איז א באווייז צו די שטאנדהאפטיגקייט, שווערע ארבעט און אינאוואציע פון קאנאביס ביזנעסלייט לענגאויס ניו יארק. אזוויי 1 ביליאן דאלער איז א אומגלויבליכע נומער. לאמיר פייערן די מענטשן, ביזניסער און קאמיוניטיס אין קאנאביס וועלכע פירן אונזער סטעיט'ס עקענאמישע מאטאר. עס איז זיכער, אז די מאמענט שטרייכט אונטער די שטארקייט פון קאנסומער פארלאנג פאר רעגולירטע קאנאביס-און וויכטיגער,טוט עס שטארק צייגן אז א סאושעל און עקענאמישע

מעסיגע צוגאנג צו א אינדוסטריע איז נישט אומפריינדליך צו שטארקע עקענאמישע וואוקס. ניו יארקער גלייבן אין א מארקעט וואס פריאריטיזירט מעסיגקייט-און OCM בלליבט פארפליכטעט צו שטיצן יענע מיסיע."

ניו יארק׳ס קאנאביס אינדוסטריע האט אוועקגעשטעלט די סטאנדארט פאר מעסיגקייט אין שריט. מער ווי האלב פון אלע ערוואקסענע-באנוץ לייסענסעס זענען געשאנקען געווארן צו סאושעל און עקענאמישע מעסיגע אפליקאנטן, מיט באדייטענדע פארשטייערונג פון מינאריטעט- און פרויען-אייגנטומער ביזניסער. די דערגרייכונג קומט אין א צייט פון מערקבארע וואוקס פאר קאנאביס באנוץ אין ניו יארק. איבער די לעצטע צען יאר, איז ערוואקסענער בענוץ שטארק געשטיגן, מיט 19 פראצענט פון ניו יארקער וואס באריכטן יערליכע באנוץ (ארויף מיט 30 פראצענט) און 12 פראצענט וואס באריכטן חודשליכע באנוץ (ארויף מיט 43 פראצענט). אין צוגאב, 67 פראצענט פון קאנסומער וואס האבן גענוצט קאנאביס אין די לעצטע יאר האבן באריכטעט אז זיי האבן איינגעקויפט פון לעגאלע ריטעיל קוועלער, אפשפיגלנדיג וואקסנדע קאנפידענץ אין די רעגולירטע מארקעט.

**קאנאביס קאנטראל באורד טשעירפרוי Tremaine Wright (טרעמעין רייט) האט געזאגט,**"ניו יארק׳ס קאנאביס אינדוסטריע איז אנטוויקלט דעווארן מיט א פאקוס אויף מעסיגקייט און גלעלגנהייט, און די היינטיגע דערגרייכונג איז א באווייז אז אונזער צוגאנג ארבעט. דורך פריאוריטיזירן סאושעל און עקענאמישע מעסיגע אפליקאנטן, טוען מיר פארשאפן א מארקעט וואס הייבט ארויס קאמיוניטיס און שטיצט באדייטפולע עקענאמישע ווירקונג לענגאויס די סטעיט. די שטייער איינקונפט געשאפן דורך די בליענדע אינדוסטריע טוט דירעקט שטיצן אונזער קאמיוניטי ווידער-אינוועסטירונג גרענט ( Community Reinvestment Grant) פראגראם, מאכנדיג זיכער אז קאמיוניטיס וואס ווערן שטערקער אפעקטירט דורך קאנאביס פארבאט באקומען קריטישע אינוועסטירונגען. דאס איז נאר די אנהייב פון וואס עס איז מעגליך ווען מיר אינוועסטירן אין א גוט-רעגולירטע אינדוסטריע וואס נעמט יאדעם אריין."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירער Crystal Peoples-Stokes (קריסטאל פיפלעס-סטאוקעס) האט געזאגט,** "אזויווי די באפעלאו ביל׳ס קאוטש זאגט, ׳פארלאז דיך אויף׳ן פראצעדור.׳ זאכן וועלן זיך ווייטער פארבעסערן און ווערן אויסגעארבעט, אבער ניו יארק סטעיט׳ס אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט (OCM) האט אוועקגעשטעלט א פעסטער פונדאמענט פאר די סוקסעס פון אירע נייע קאנאביס אינדוסטריע. באגריסונגען צו די OCM שטאב, די אדוואקאטן און די רוקנביין פון אלעס, ניו יארק׳ס קאנאביס סופליי קייט פון קליינע ביזניסער, איר איבערשטייגן די דערגרייכונג."

די מעלדונג קומט נאכפאלגנדיג א שטארקע און טראנספארמאטיווע יאר פאר ניו יארק קאנאביס, ווי אונטערגעשטריכן אין די נארוואס ארויסגעגעבענע OCM יערליכע באריכט. פאלגענד זענען די הויכפונקטן פון די באריכט:

**איבערזיכט אויף 2024**:

- איבער 5,250 לייסענסעס, פארמיטס און רעגיסטראציעס ארויסגעגעבן אדער צייטווייליג באשטעטיגט אינעם דאטום פון די סטעיט פיסקאלע יארן 2023-2024 און 2024-2025
  - 221 ערוואקסענער-באנוץ קאלטיוועיטער לייסענסעס
    - 292 ערוואקסענער-באנוץ פראסעסער לייסענסעס
    - 569 ערוואקסענער-באנוץ ריטעיל דיספענסערי לייסענסעס
    - 448 ערוואקסענער-באנוץ ריטעיל דיספענסערי לייסענסעס
    - 185 ערוואקסענער-באנוץ דיסטריביוטער לייסענסעס
    - 272 ערוואקסענער-באנוץ מייקראביזנעס לייסענסעס

- 3,265 קאננאבינאויד העמפ לייסענסעס און פארמיטס
  - 17 רעגיסטרירטע ארגאניזאציעס
  - 269 ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל דיספענסעריס אפן פאר ביזנעס
  - 54.1 פראצענט פון ערוואקסענע-באנוץ לייסענסעס ארויגעגעבן צו סאושעל און עקענאמישע מעסיגע ביזניסער
  - 757.8 מיליאן דאלער-אין עקוואקסענע-באנוץ ריטעיל פארקויפונגען אין 2024 ביז נאוועמבער 30, 2024
  - 80.2 מיליאן דאלער אין שטייער, באצאלונגען און שטראף געלטער איינקונפט אין סטעיט פיסקאלע יאר 2023-2024
  - 67 מיליאן דאלער אין שטייער, באצאלונגען און שטראף געלטער איינקונפט ביז העלפט פון די סטעיט פיסקאלע יאר 2024-2025

**מעסיגקייט + קאמיוניטי פארטנערשיפס + טרעניגרונג**

- OCM האט ווייטער געגעבן איר שטיצע פאר מעסיגע אפליקאנטן און לייסענסיס אריין אין 2024 דורך איר פראגראמען, אריינגערעכנט די קאנאביס האב און אינקיובעיטאר פראגראם (Cannabis Hub and Incubator Program, CHIP) SEE אפליקאציע הילף ( SEE Application Assistance), ארבעטנדיג צוזאמען מיט טעכנישע הילף פראוויידערס, CHIP אקעדעמיע און די CAURD עקסעלערעיטער פראגראם (CAURD Accelerator Program).
- צו באדייטנד פארבעסערן לייסענס פראסעסירונג און פארבעסערן דורכזיכטיגקייט, האט OCM איינגעשטעלט א איינצעלנעם פונקט פון פארבינדונג (SPOC) לייסענסינג איבעזיכט מאדעל.
- אין פארטנערשיפ מיט די קאנאביס אדווייזערי באורד (Cannabis Advisory Board), געעפנט די אפליקאציע פענסטער פאר קאמיוניטי ווידער-אינוועסטירונג פראגראם גרענטס, וועס וועט אינוועסטירן אין געגנטער וואס זענען געווען היסטאריש אונטער-ריסאורסד, אונטער-סערווירט און איבער-פאליצייט.
- אין פעבואר 2024 איז די OCM וועטעראנען טעסק-קראפט געגרינדערט געווארן צו שטיצן, ערציען און צושטעלן ריסורסן פארבינדן צו קאנאביס צו די וועטעראן געזעלשאפט.
- אין 2024, זענען 22 פארגעשריטענע ראודסייד אומפעאיגע דרייוון אינפארסירונג טרענירונג (Advanced Roadside Impaired Driving Enforcement Trainings) איסגעפירט געווארן דורך די גאווערנער׳ס טרעפיק סעיפטי קאמיטי ( Governor’s Traffic Safety Committee, GTSC) מיט׳ן שטיצע פון OCM, טרענירנדיג 797 אפיצירן אין נויטיגע סקילס צו אידענטיפיצירן אומפעאיגע דרייוון.

- אין צוגאב, זענען פיר דראג דערקענונג עקספערט (Drug Recognition Expert, DRE) שולעס זענען פארגעקומען דורך GTSC מיט שטיצע פון OCM, צולייגנדיג 60 נייע באשטעטיגטע DRE אפיצירן צו די קראפט און ברענגנדיג די צאל אקטיווע DRE-באשטעטיגטע אפיצירן אין ניו יארק סטעיט צו 445.

**מעדיקעל קאנאביס:**

- איבער 100,000 פאציענטן רעגיסטרירט מיט די מעדיקעל קאנאביס פראגראם ( Medical Cannabis Program)
- נאנט צו 8,500 רעגיסטרירטע קעיר געבער
- 4,454 באשטעטיגונג פראוויידער
- 21 מעדיצינישע געשעפטן
- 11 מעדיצינישע און ערוואקסענע-באנוץ קא-לאקירטע געשעפטן
- 3,550 לאטס פון מעדיצינישע קאנאביס פראדוקטן געטעסט אין לאבאטאריעס
- 2024 מעדיצינישע קאנאביס קאמפיין האט פארדינט איבער 9.8 מיליאן איינדרוקן, איבער 42,500 קליקס און 1 מיליאן ווידיאוס וואס זענען געווארן געקוקט ביזן סוף

**ענפארסירונג:**

- 1,300-ענפארסמענט אינספעקציע אויסגעפירט
- 450 ביזניסער אפגעשלאסן
- 16,900 פונט פון אומלעגאלע פראדוקטן צוגענומען
- 68.5 מיליאן דאלער ווערד פון פראדוקטן צוגענומען
- 8,700 לאטס פון ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס פראדוקטן געטעסט אין לאבאטאריעס
- שעות פון אפעראציע431 ארבעט שעות פון אויספאלג אינספעקציעס

ניו יארק'ס קאנאביס סטראטעגיע פארזיכערט א זיכערע און יושר'דיגע מארקעטפלאץ פאר קליינע ביזניסער און ביזנסלייט לענגאויס די סטעיט. און צוזאמענארבעט מיט לאקאלע מיוניציפאלן האט די OCM אפגעשלאסן הונדערטע פון אומלעגאלע געשעפטן לענגאויס ניו יארק, פירנדיג צו צונעמען איבער 16,000 פונט פון אומפארזיכערטע קאנאביס פראדוקטן. די OCM האט פארבעסערט אירע מעגליכקייטן צו באקעמפן אומלעגעלע אפערירער און אין די זעלבע צייט מוטיגן שטארקע באציאונגען וואס בענעפיטירט סיי די אינדוסטריע און אויך ניו יארקער קאמיוניטיס אזוי'ווי קאנאביס טוט ווייטער שטייגן אין די מארקעט. ניו יארק פארבלייבט שטאנדהאפטיג אין אירע פארפליכטונג צו מעסיגקייט און אריינעמונג פון יעדעם.

צו לערנען מער, ליינט די אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט'ס [2024 יערליכע באריכט](), וואס שטעלט צו א טיפערע בליק אויף די ארבעט וואס די OCM האט געטוען אין די לעצטע יאר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן